# שפראך מאכט אויס




## העלט בולעטין

באזוכט **nyc.gov/health** צו זען אלע העלט בולעטינען
רופט **311** צו באשטעלן אומזיסטע קאפיעס.

# געזונטהייט און שפראך צוטריט

- געזונטהייט ווערט אפעקטירט נישט נאר דורך עסן געזונט, מאכן איבונגען און האבן א גוטן דאקטער. צוטריט צו געזונטהייט סערוויסעס אין אייער ערשטע שפראך באווירקט אויך אייער פעאיגקייט צו פירן א געזונט לעבן.
- דער רעכט צו באקומען סערוויסעס אין אייער ערשטע שפראך ווערט אנגערופן שפראך צוטריט.
- שפראך צוטריט געזעצן העלפן אלע ניו יארקער וויסן זייערע אפציעס און באקומען די הילף וואס זיי דארפן, אריינגערעכנט העלט קעיר.
- מער מענטשן וואס באקומען צוטריט צו העלט קעיר פירט צו א געזונטערע סיטי פאר יעדן.




**ניו יארקער רעדן איבער 200 שפראכן.**

די גרעסטע דריי נישט-ענגלישע שפראכן אין NYC זענען שפאניש, רוסיש און קאנטאניז.

# אייערע לעגאלע רעכטן

- אומגעפער 4.25 מיליאן ניו יארקער רעדן א שפראך אויסער ענגליש אינדערהיים און פון די אלע, קענען איבער האלב פון זיי נישט רעדן אדער ליינען ענגליש גאר גוט. דאס ווערט אנגערופן באגרעניצטע ענגליש פעאיגקייט (LEP).
- אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער ZIP קאוד, האט איר די רעכט צו באקומען אלע סיטי סערוויסעס אין אייער ערשטע שפראך.
- ניו יארקער וואס דארפן שפראך הילף קענען פארלאנגען סערוויסעס אין זייער ערשטע שפראך ביי סיי וועלכע ניו יארק סיטי (NYC) רעגירונג אגענטור.

**די געזעצן באשיצן אייער רעכט צו באקומען סערוויסעס אין אייער שפראך:**

- NYC: Local Law 30
- ניו יארק סטעיט: Executive Order 26
- פאראייניגטע שטאטן פעדעראלע רעגירונג: Title VI of the Civil Rights Act of 1964 and Executive Order 13166

# אוועקנעמען גרעניצן

- ביים באזוכן די העלט דעפארטמענט אדער סיי וועלכע אנדערע NYC רעגירונג אגענטור, בעט די סערוויסעס אין אייער ערשטע שפראך. די שטאב קען רופן א פאכמאנישע דאלמעטשער פאר אייך.

- איר קענט טראגן מיט זיך דעם "איך רעד" קארטל ווען איר באזוכט NYC רעגירונג אגענטורן צו פארלאנגען אומזיסטע שפראך סערוויסעס. באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **I speak** (איך רעד) צו דאונלאודן אדער ארויסדרוקן דעם "I speak" קארטל. איר קענט אויך אויסשניידן דעם קארטל אונטן.

I speak __________.

Please call an interpreter.

Thank you.

איך רעד __________. ביטע רופט א דאלמעטשער. א דאנק!

# באקומט סערוויסעס אין אייער שפראך

שפראך הילף סערוויסעס איז אוועילעבל פאר אלע העלט דעפארטמענט סערוויסעס אריינגערעכנט:

- העלט קעיר ביי פובליק  שפיטעלער און קליניקס (אריינגערעכנט סעקזועל העלט קליניקס, אימיוניזאציע קליניקס און טובערקולאזיס קליניקס)
- צוטריט צו אייערע וואקסין רעקארדס
- גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף טרענירונג
- פראגראמען ביי נעיבערהוד העלט עקשאן סענטערס
- געבורט און טויט סערטיפיקאט אפליקאציעס

צו טרעפן נאך סיטי סערוויסעס אין אייער ערשטע שפראך, באזוכט **nyc.gov** און זוכט **civic services** (ציווילע סערוויסעס).

# ריסאורסעס

## פארבינדט זיך

@nychealthy

nychealth

@nychealthy

nychealthy

nyc health

## לערנט מער

באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט
**Language Services** (שפראך סערוויסעס)

## באקומט די לעצטע העלט בולעטינס

אי-מעיל
**healthbulletins@health.nyc.gov**

באזוכט **nyc.gov/health/pubs** פאר נאך שפראכן פונעם העלט בולעטין, און פאר אנדערע איבערגעזעצטע געזונטהייט מאטריאלן. איר האט די רעכט צו באקומען אין אייער שפראך. די סערוויסעס זענען אומזיסט ביי אלע ניו יארק סיטי העלטה דעפארטמענט אפיסעס און קליניקס.